# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Far folḳ un heymland


**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פּערעץ**



**Mosḳṿe, 1943**



דער מאָסקווער פאַרלאַג

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**

Visual Library

און ווי דינאַמיט אונטערלייגט האָט די ליד זיך —
ס'מאַטראָסישע ליד—אין די ווײַטן דערהערט:
און ס'האָט דאָרט מיט האַס און מיט צאָרן ווי בליצן
אים אויפגעריסן די אוקראַיִנישע ערד.

## דעם פּאַרטיזאַנס מוטער

זי האָט אין שטיבעלע אױף קײנעם ניט געוואַרט,
נאָר אין דער שטיל זיך אײַנגעהערט אין טריט אין ווײַטע:
— צי ט'ראָגן אייגענע פאַרבײַ ערגעץ די וואַך,
צי דער ניט-גוטער טראָגט דעם סוינע שוין פונסנײַ דאָ?..

אין הימל הויך א שטערן ערגעץ פאַלט.
זי וואָלט די האַרציקע דערקאָנט דאָרט אַלע לויט די שאָטנס;
ניט ווײַט פונדאַנ, פאַרטײַעטע אין וואַלד,
האָבן זיי אויסשפּירן דעם פײַנט באַ וועגן זיך צעשאָטן.

זיי שלאָפן ניט. זיי שלײַפן שאַרף די שווערד.
באַצאָלן דאָרפן זיי פאַר בלוט און היים צעשטערטער:
עס שלאָפט ניט רוסלאַנד שוין אַזויפיל נעכט,
קיין אויג מאַכט זיך ניט צו באַ זײַנע זין און טעכטער.

זי ווייסט, די אַלטינקע, זי ווייסט — נאָר ניט קיין טרער
זיך רײַסט פון האַרץ דורך אירע אַלטע אויגן;
אַליין האָט זי באַ אירע זין געבענטשט ס'געווער,
אַליין די רימענס אױף די לענדן שטײַף באַ זיי פאַרצויגן,

און יעדערן פון זיי אַרומגענומען צאַרט,
זיך אָנטאָן אַלע זיי געהייסן וואַרעם:
— דער וואַלד וועט אַ געטרײַע היים אײַך זײַן באַנאַכט,
די נאַכט געטרײַ וועט אײַך פאַרשטעלן פאַר געפאַרן!

און דרײַ מאָל אָנגעזאָגט זיי באַ דער שוועל
און באַם אַוועקגיין — דרײַ מאָל זיי איבערגעציילעמט:
— זאָל אײַך אין נויט באַשיצן דאָס געטרײַע פעלד,
זאָל אומעטום פון אײַך דער גוטער שפּרוך דערציילן!

ווען ס׳גייט שוין קיינער ניט אדורך דעם וועג,
ווען פײַערלעך אין פענצטער אויסגעלאָשן זײַנען,
איז לאָזט זיך אומבאמערקט די אלטינקע אוועק
אריבערברענגען שפּײַז אין וואלד די פּארטיזאנער.

אצינד האָט זי אין שטיבעלע אפ קיינעם ניט געווארט,
נאָר בייזע טריט האָבן פון נאָענט זיך געהערט דאָך:
אוי, ניט די זין די הארציקע געטראָגן האָבן וואך,
עס האָבן זיך אין שטיבעלע ארײַנגעריסן מערדער.

דערלאנגענע עסן האָבן זיי זיך גלײַך באפעלט,
די קו פון שטאל ארויספירן די רעגע.
דעם לעצטן ביסן האָט די אלטע זיי געשטעלט,
און זיי — „וואָס נאָך?" — מיט ביטערניש געלאָזט זיך פרעגן.

— מיר וועלן איבערנעכטיקן! — האָט גלײַך ביז בלוט
א מאָרדעווע געגעבן איינער מיט די פיס זי.
האָט זי זיך אופגעהויבן און געענטפערט: — גוט!
און די געלעגערס זיי די אָרעמע באוויזן.

די טיר פון דרויסן שטיל פארשלאָסן אפ א שלאָס,
די לאָדנס צוגעמאכט, דער טאָג זאָל זיי ניט וועקן.
מיט ציטערדיקע הענט — אפ שטרוי דאָס לעמפל א צעגאָס,
א שוועבעלע א רײַב און מיטן שטיבל זיך געזעגנט...

ס׳האָט פײַער זיך אין דר׳הויך געטאָן א טראָג,
די געסט אין רויך דערשטיקט געלעגן זײַנען.
און ערגעץ איז די אלטינקע מיט אופגאנג אפן טאָג
געגאנגען זוכן אירע זין — די פּארטיזאנער.